איציק גאָטעסמאַן / ניו-יאָרק

# דער אַנטיקוואַר

עוזר ליפּקין האָט סוף-כּל-סוף געהאַט אַ פֿרײַען זונטיק. ר׳האָט זיך נישט געדאַרפֿט לערנען אויף עקזאַמענס — פֿאַרענדיקט זיך דער זמן, דאַנקען גאָט. די נײַע דירה איז שוין כּמעט געווען אויפֿגעראַמט און מ׳האָט שוין געקענט אַ ביסל פֿרײַער אָפּאָטעמען. זײַן יונג ווײַבל שײנדל איז נאָך געלעגן אין בעט, און פֿאַר וואָס נישט? דער זייגער האָט ערשט געקלונגען זיבן. אָבער עוזר האָט נישט געקענט מער שלאָפֿן, אַ שטראָם ענערגיע האָט אים אַרומגענומען און ער איז אַרויס אין קאָרידאָר. ווען ר׳האָט אַראָפּגענומען דעם שלאָס פֿון זײַן ביציקל און עס אַרויסגעפֿירט אין דרויסן, האָט ער געזען זײַן שכן הערי זיצן אויף די טרעפּ. ווי שטענדיק, האָט דער נישט מער יונגער איטאַליענער גערייכערט אַ פּאַפּיראָס. לעבן אים איז געשטאַנען זײַן פּרנסה-וועגעלע. דרייענדיק זײַנע נאָך שוואַרצע וואָנציעס און שפּײַענדיק אין קוסט אַרײַן, האָט ער זיך לאַנג צעהוסט.

״גוט-מאָרגן, פּראָפֿעסאָר!״ האָט ער עוזרן באַגריסט. ״ביסט הײַנט פֿרי אויפֿגעשטאַנען. וואָס עפּעס? דאָס ווײַב האָט דיך אַרויסגעטריבן, האַ?״ עוזר האָט געוווסט, אַז הערי וועט באַלד אָנהייבן צו דערציילן וועגן זײַן דאָברע-מזל, זײַן שלעכט ווײַב, וואָס האָט בײַ אים צוגענומען דאָס הויז מיט דער טאָכטער און אים פֿאַרביטערט זײַנע יונגע יאָרן... עוזר, וואָס האָט ערשט חתונה געהאַט, האָט חשק געהאַט זיך מיט אים אַ ביסל צו רייצן, ווײַל די מעשׂה מיט העריס ווײַב האָט זיך פֿאַרלאָפֿן נאָך מיט דרײַסיק יאָר צוריק, און ער הערט נישט אויף דערפֿון צו רעדן.

״נישט אַלע ווײַבער טרײַבן אַרויס זייערע מענער, הערי״. זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט און הערי האָט עס באַלייט מיט אַ לאַנגן הוסט און אויסגעשפּיגן דערבײַ אין קוסט אַרײַן.

״אפֿשר נישט אַלע, אָבער מײַנע האָט מיך אַרויסגעטריבן און איך האָב אַזוי פֿיל פֿאַר איר געטון...״ עוזר האָט אים געוואָלט טרייסטן, אָבער דערעיקרשט האָט ער געוואָלט בײַטן די טעמע.

„אַרבעטסט הײַנט, העררי?“

„יאָ, דער באַלעבאָס האָט פֿאַר מיר אַרבעט נישט װײַט פֿון דאַנען“.

העררי האָט געאַרבעט בײַ טאַפּעטן־קלעפּן און האָט געשלעפּט זײַן סחורה אין אַן אַלײן־געמאַכט װעגעלע, װאָס ער האָט צוגעטשעפּעט צו זײַן ביציקל. ער איז געװען באַקאַנט װי אַן עקצענטריקער און שאַלטיקעס פֿלעגן נאָכלױפֿן זײַן װעגעלע און זיך איזדיעקעװען איבער אים. אָבער ער האָט זיך מיט זײ אָפּגערעכנט... ער האָט גוט געדענקט װער די חבֿרה זענען און איז שפּעטער אַרײַן צו זײ און זײ באַגנבֿעט. דער קעלער זײַנער איז געװען פֿול מיט ביציקלען און טײלן פֿון ביציקלען. זײ זענען געהאָנגען געבונדן מיט שטריק און שײן אױסגעסדרט. אַ מין דענקמאָל אָדער װאָרעניש, אַז „לית דין ולית דײן“. העררי האָט זיך גאָר נישט געשעמט מיט זײַן גנבֿענען און זיך אױך נישט באַרימט דערמיט. עוזר האָט זיך געזעגנט און זיך געלאָזט פֿאָרן מיטן ביציקל אין אַלטן געדיכט באַװאָקסענעם פֿײרמאָנט־פּאַרק.

זונטיק אין דער פֿרי אין מערבֿ־פֿילאַדעלפֿיע: די גאַסן שטיל פֿאַרשלאָפֿן און די קלױסטערס געפּאַקט מיט מתפּללים נעגערס. בײַם עפֿענען אַ טיר האָט די גאַנצע גאַס געקענט הערן די הױכע מוזיק און דאָס זינגערײַ בציבור. ס'האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז דער קלױסטער טרײסלט זיך ממש פֿון זײַט צו זײַט. עוזר איז געפֿאָרן פּאַװאָליע כּדי זיך בעסער אײַנצוהערן אין די זונטיקדיקע קלאַנגען. פֿון אַ געװעלבל מיט שװאַרץ באַפֿאַרבטע װיטרינעס איז אַרױס אַ נעט אָנגעטוענע דאַמע מיט אַ הוט פֿול מיט בלימלעך. אַ געװעלבל דינט פֿאַר אַ קלױסטער... די גױים האָבן אױך שױן „שטיבלעך“, האָט עוזר געטראַכט. ער איז שטײן געבליבן מיטן ביציקל פֿאַר דער טיר און געװאַרט, אַז זי זאָל זיך עפֿענען נאָך אַ מאָל.

גוט זיך אַרומגעקוקט, האָט עוזר פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז אין אַ טײל פֿון מערבֿ־פֿילאַדעלפֿיע, װוּ אַ װײַס פּנים איז אַ זעלטענע זאַך, בפֿרט זונטיק װען מע אַרבעט נישט. פּונקט װען ער האָט באַשלאָסן װײַטער צו פֿאָרן, איז אַ גרױס אױטאָ שטײן געבליבן און אַן עלטערער װײַסער איז אַרױס, צוגעגאַן צום געװעלב װאָס לעבן דעם קלױס־טער, אױפֿגעשלאָסן די טיר, אַרױסגעשלעפּט פֿון אינעװײניק אַ קעסטל ביכער און זײ אַװעקגעשטעלט פֿאַר דער טיר, כּדי זי זאָל בלײַבן אָפֿן. דערנאָך איז ער צוריק צום אױטאָ און אָנגעהױבן שלעפּן קאַסטנס פֿולע מיט ביכער.

עוזר, װאָס האָט געליטן פֿון דער קרענק װאָס מע רופֿט ביבליאָ־

מאַניע, אַזוי ווי אַ סך סטודענטן און פּראָפעסאָרן, איז געווען אין זיבעטן הימל: אַ ביכערקראָם! איבערלייענענדיק דאָס שילדל און דערמאָנענדיק זיך ווי ער געפינט זיך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי דער באַקאַנטער אַנטיקוואַר, וואָס מע שמועסט, אַז ער פאַרמאָגט אַ סך טויזנטער ביכער וועגן אַלץ אין דער וועלט, אין אַלע שפּראַכן, און וואָס האָט אַ סקלאַד מחוץ דער שטאָט. עוזרס פּראָפעסאָרן האָבן אים דערציילט, אַז נישט דאָס געוועלב איז אַ מאָל אָפן, נישט ער האָט אַ טעלעפאָן. אָבער ער האָט אים דער-טאָפּט, הוראַ!

צוגעקומען נענטער מיטן ביציקל, האָט עוזר אים באַגריסט: „איינער קראָם איז אפשר אָפן?" דער אַנטיקוואַר האָט אים לאַנג אָנגעקוקט און עוזר האָט געפילט, אַז אין דער רגע מוז ער אויסזען קלוג און באַלעבאַטיש. ער איז געווען זיכער, אַז דער מוכר־ספרימניק איז אַ ייִד, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען זיין נאָמען. ער האָט געוואָלט צון אים רעדן אויף ייִדיש, אָבער ער איז שוין נישט איין מאָל אַריינגעפאַלן און האָט נישט געוואָלט איינשטעלן, קאַליע מאַכן אַ גוטע באַציִונג מיטן בוכהענדלער.

„איר ווייסט ווער איך בין? איר האָט געהערט פון מיר?" האָט ער אויספרווועריש געפרעגט.

„מיינע פּראָפעסאָרן אין שפּראַכאָפּטייל פון אוניווערסיטעט האָבן מיר דערציילט וועגן אייך".

„אוי, זיי? נאָר זיי נעמען און נעמען, אָבער גיבן גיבן זיי אַ פייג". זיי זענען ביידע אַריין אין געוועלב און אַדורך אַ שמאָלן וועג צווישן אָנגעוואָרפענע ביכער ביז צון אַ קעלערטיר. דער מוכר־ספרימניק האָט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע לעמפּל און זיי זענען אַראָפּ די טרעפּ אין אַ גרויסן קעלער מיט ליימענע ווענט. אונטן האָט מען ערשט דערפילט דאָס ציטערן פונעם בנין — די „גאַספּעל־מוזיק" פון יענער זייט וואַנט האָט ווי אַ ווידערקול אָפּגעהילכט אין יעדןווינקל. ווען אַלע לאָמפּן זענען געווען אָנגעצונדן, האָט עוזר ערשט דערזען וואָס פאַר אַן אוצר דאָרט ליגט. דער קעלער איז געווען בעסער אויסגעשטעלט ווי די אייבערשטע שטוב, אָבער נישט קיין סך בעסער. זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטויס ביכער וועגן ייִדן. דער אַנטיקוואַר האָט עס באַמערקט און אים געפרעגט:

„און וואָס אינטערעסירט איר זיך?"

„ייִדישע ביכער האָט איר?"

ייִדישע? סע קען זײַן. קומט אַהער טוט אַ קוק דאָ אַ“. ער האָט עוזרן צוגעפֿירט צו אַ ביכערשאַנק אין אַ ווינקל, וווּ ס'האָבן זיך געפֿונען אויסגעמישט העברעיִשע און ייִדישע, סידורים, מחזורים. „אָבֿ הייס איך קעלמאַן“, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט און עוזר איז איצט געווען זיכער, אַז ער איז אַ ייִד.

„איר קענט ייִדיש?“

„ניין, כ'קען נאָר גענוג צו לייענען די אותיות אויסצוגעפֿינען ווי דאָס בוך הייסט און דעם מחבר“. עוזר האָט ווײַטער גענישטערט דורך די פּאָר הונדערט ביכער, און מיט אַן אויג, וואָס איז געווען געניט אין איבערקוקן אַלטע ייִדישע טעקסטן, האָט ער באַלד אַרויסגענומען אַ צען ביכלעך, וואָס האָבן אים אויסגעזען טשיקאַווע. דאָס זענען געווען אַלטע ביכער פֿונעם נײַנצעטן יאָרהונדערט געדרוקטע אין פּוילן און רוסלאַנד, זעלטענע אויסגאַבעס, יקר-המציאותן. עוזר האָט באַמערקט, אַז זיי זענען געווען אויטאָגראַפֿירט פֿון די מחברים און ער איז שיִער נישט אויפֿגעשפּרונגען. נישט נאָר אונטערגעשריבן זענען זיי געווען, נאָר אַלע — מיט דעדיקאַציעס צו יאָסל קעלמאַן. עוזר האָט זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן און געגעבן אַ רוף אויס „אַוואַ!“. קעלמאַן האָט אים געפֿרעגט וואָס ער האָט אַזוינס געפֿונען.

„האָט אײַער טאַטע געהייסן יאָסל?“

„יאָ. ווי אַזוי ווייסט איר, סע שטייט אין ביכל?“ האָט ער זיך געחידושט. עוזר האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין און אויפֿן אָרט האָט אים שוין באַנג געטאָן, וואָס ער האָט אים דערציילט, ווײַל ער האָט געוואָלט קויפֿן די ביכער, אָבער אַצינד — ווער ווייסט... קעלמאַן האָט גענומען אין האַנט די ביכער און איבערגעקוקט עטלעכע שערבלעטלעך. ער האָט זיי האַסטיק פֿאַרמאַכט און געגעבן אַ זאָג: „נעמט אַלע צען פֿאַר פֿופֿציק דאָלאַר און פֿאַרטיק“. עוזר איז געבליבן געפּלעפֿט. ר'האָט זיך געקווענקלט: זאָל ער כאַפּן די מציאה אָדער זיך אויסטענהן הלמאַי קעלמאַן פֿאַרקויפֿט אַזאַ טײַערע ירושה?

„איך דאַנק אײַך, ס'איז נישט קיין שלעכטער פּרײַז, אָבער צי וואָלט איר זיי נישט גיכער אַליין געהאַלטן?“.

„אַז איך קען זיי נישט לייענען, וואָס טויגן זיי מיר? כ'בין אַ סוחר; אויב כ'קען פֿאַרקויפֿן, איז געגאַנגען“. עוזר האָט זיך גענומען אויסטענהן:

„אײַער טאַטע איז, ווײַזט אויס, געווען אַ חשובֿער ייִד, אַז די שרײַבערס האָבן אים געקענט?“.

„איך האָב אים קוים געקענט", האָט קעלמאַן געענטפֿערט מיט אַ פֿאַרצויגענעם שמייכל. „ער איז געווען אַ ייִד אין די זעכציקער, ווען איך בין געבוירן געוואָרן. מײַן מאַמע איז געווען זײַן צווייט ווײַב, אַן אַמעריקאַנערין, און צו אונדז קינדער האָט זי גערעדט נאָר ענגליש".

„אַ שאָד", האָט עוזר אַ זיפֿץ געטאָן. דער גלאָק האָט געקלונגען און קעלמאַן איז אַרויף עפֿענען די טיר. עוזר האָט אויף גיך איבערגעקוקט די צען ביכלעך און אין איינעם פֿון זיי האָט ער געפֿונען אַ פֿאַרגעלט בלעטל. ער האָט עס געעפֿנט און געזען, אַז ס'איז אַן אַלטער בריוו פֿון יאָסל קעלמאַן צו אַ רחלע. איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז רחלע איז געווען, ווײַזט אויס, יאָסלס ערשטע פֿרוי. יאָסל איז אַרומגעפֿאָרן איבער פּוילן צוליב מיסחר און האָט איר געשיקט אַ בריוו קיין וואַרשע, זײַן היימשטאָט, געשריבן אין אַ ליבלעכן, וואַרעמען טאָן. ער האָט געבענקט נאָך איר.

אַ הוסט און אַ כראַק האָבן עוזרן אַוועקגעריסן פֿון זײַנע מחשבֿות. „ניין, סע קען נישט זײַן", האָט ער געטראַכט און ער איז אַרויף מיט די טרעפּ. קעלמאַן איז געשטאַנען מיט עוזרס שכן, הערי, און גערעדט וועגן אַן עניין, אַ פּנים, וועגן אויסטאַפּעטירן דאָס געוועלב.

„היי, פּראָפֿעסאָר, וואָס טוסטו דאָ ?"

„אָ, איר קענט זיך ? פֿון וואַנען ?" האָט קעלמאַן אַ פֿאַרחידושטער געפֿרעגט.

„מיר זענען שכנים, ווױנען אין זעלביקן הויז". דער געדאַנק אויסצוטאַפּעטירן דאָס געוועלב האָט עוזרן אויסגעזען מאָדנע. קיין שטיקל אָרט אַוועקצולייגן ביכער איז דאָרט נישט געווען און די ווענט זענען געווען אין גאַנצן פֿאַרשטעלט, מ'האָט זיי במעט נישט אַרויסגעזען. צו וואָס טאַפּעטן ?

„מיסטער קעלמאַן, כ'האָב געפֿונען אַ בריוו פֿון אײַער טאַטן צו זײַן ערשטער פֿרוי, רחלע", האָט עוזר אַן אויפֿגעלייגטער אים מודיע געווען.

„טאַקע ?" האָט קעלמאַן זיך געחידושט, „לייענט אים אויף אַ קול, נאָך בעסער זעצט אים איבער, איך און הערי זאָלן קענען פֿאַרשטיין".

עוזר האָט געלייענט פּאַמעלעך, מיט אויסדרוק. ווען ער האָט געענדיקט, איז ער געבליבן אַ ווײַלע שטיל, ביז הערי האָט זיך אָנגערופֿן :

„איר ווייסט, קעלמאַן, אײַער פֿאָטער איז געווען אַ וווּנדערלעכער מענטש, ר'האָט געקערט זײַן אַ גרויסע פּערזענלעכקייט. אזא טײַערער

בריוו! אַז אַ מאַן און אַ פֿרוי זאָלן זיך אַזוי ליב האָבן איז זעלטן. מײַן פֿרוי, אַ שטייגער..." אָבער דאָ האָט אים עוזר אָפּגעשטעלט מיט אַ וואָרט און קעלמאַן, אַ פֿאַרטראַכטער, האָט זיך אָנגערופֿן:

"איר ווייסט וואָס, די אַלע משפּחה-פּליאַטקעס, וואָס כ'האָב זיך אָנגעהערט פֿון די קרובֿים מײַנע, האָבן מיר פֿאַרסמט די געדאַנקען. כ'בין געווען זיכער, אַז דער טאַטע איז געווען אַ קאַלטע נשמה, אַן אומסימפּאַטישער פּאַרשוין. ווער זשע האָט זיך געקענט ריכטן, אַז ער זאָל שרײַבן אַזאַ בריוו! אַלץ איז געווען ליגן".

הערי און עוזר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז קעלמאַן לעבט איבער אַ טיפֿן מאָמענט און זענען געבליבן שטיל. דער אַנטיקוואַר האָט זיך פּלוצעם אַ דריי אויס געטאָן צו עוזרן: "ווי הייסט איר?"

"עוזר ליפּקין".

"הערט מיך אויס, ליפּקין, לאָזט די ביכער דערווײַל דאָ. איך וויל נאָך איבערטראַכטן". זיי האָבן זיך געזעגנט און עוזר האָט אויפּגע-קייטלט זײַן ביציקל און איז אַוועקגעפֿאָרן. "אַ מעשׂה מיט ווײַבער", האָט ער געטראַכט. "יעדער האָט זיך זײַן פּעקל..." ס'איז שוין געווען שפּעט, צײַט אַהיימצופֿאָרן צו זײַן ווײַבל, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז די נאַכט וועט אים קומען צו חלום די גרויסע מציאה וואָס איז נישט צו שטאַנד געקומען.

**װעגנטרוף**, ניו-יאָרק, נ' 63, אַפּריל 1988